היינט א זייט.
Radom, dnia 20 Marca 1931 r.
ראַדאָם, פרייטאג ב׳ ניסן תרצ״א

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.
Oddział w Kielcach.

אנאנסען - פרייז:
אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ׳ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען
8 שפּאַלטען
" אין טעקסט 4


## יודען פון פּוילען!
## ובערת את הרע מקרבך!

יעדער יוד איז מחויב צו בעקעמפען די פּאַלסיפיקאַטען
„כרמל״-וויין
ווייל זיי ברענגען שאָדען דעם אויפבוי פון ארץ-ישראל
אמת׳ער „כּרמל״-וויין איז פערזעהן מיט די שוץ-מאַרקען
און אויפשריפט:

KARMEL
z winic
BARONA
ROTSZYLDA



ריינקייט — דאָס איז געזונדהייט

## פּאַרוואָס

גיבען אַלע די גאַרדעראָבעס צום וואשען, אָדער פארבען נאָר
אין דער פירמע

די פירמע
עקזיסטירט
פון 1880 י.

# O. R. HEMPEL

אין דער פאַראָווע פאַרבערייַ און כעמישע פּראַלניע
וועלכע בעזיצט פאָלגענדע פיליאַס:
אויף זשערקאָסקי 1. זשעראָמסקי 37 טעלעפ. 250 אַלטע שטאָט 2
אָדער אין פאַבריק אלטע שטאָט 7 (5) טעלעפ. 521 ?

## דערפאַר

ווייל די גאַרדעראָב, וואָס ווערט געוואשען, אָדער געפארבט
אין די כעמישע אנשטאלטען פון א. ר. העמפעל
קומט ארויס שײנענדיג ווי נ׳.
צוגענגליכע פּרייזען סאָלידע אַרבייט


אין טיעפען טרויער מעלדען מיר וועגען פריהצייטיגען טוידט
פון אונזער חשוב׳ען חבר

## שבתי יוסף גאָלדשיידער נ״ע

(עהרען-פּרעזעס פון יודישען האנדווערקער-פעראיין אין קעלץ)
געשטאָרבען מיטוואָך דעם 18-טען מערץ ה. י. אין עלטער פון 43 יאָהר.
זיין אַנדענקען וועט אייביג בלייבען אין זכרון ביים יודישען
האנדווערקערטום פון אונזער שטאָדט זאָל איהם די ערד לייכט זיין!
יודישער האַנדווערקער-פעראיין אין קעלץ.

דערמיט זענען מיר מודיע וועגען טוידט פון אונזער אונפערגעסליכען מאַן.
פאָטער
און זיידע

## אביש בירענבוים נ״ע

וועלכער איז געשטאָרבען אין עלטער פון 56 יאָהר.
די אין טרויער-פערבליבענע
פרוי, זיהן, טעכטער, איידעמ׳ס און איניקלעך.

אונזער גרויסען צער און מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער שוועגערין
און ברידער׳ן-קינדער צוליב׳ן טוידט פון זייער מאַן און פאָטער
אונזער ברודער
און שוואָגער

## אביש בירענבוים נ״ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
אשר זעליג בירענבוים עם פרוי און קינדער.

מביעים אנו את רגשי השתתפותינו למשפחת בירענבוים
למות עליהם אביהם

## אביש בירענבוים נ״ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
משה באקמאן ומשפחתו.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס צוליב׳ן טויט פון אונזער
פּרעזעס

## אביש בירענבוים נ״ע

וועלכער איז געשטאָרבען היינטיגע וואָך אין עלטער פון 56 יאָהר
גאָט זאָל טרייסטען די איבערגעבליבענע פרוי און קינדער
בנחמת ציון וירושלים און זיי זאָלען מעהר נישט וויסען פון קיין צער.
חברה „מנחמי אבלים״ אין ראַדאָם


## Biuro Próśb „PODANIE"
**J. FRYDA**
PLAC JAGIELLOŃSKI Nr. 7
(Rajtszula)

ZAŁATWIA:
podania w sprawach: podatkowych, sądowych, samorządowych, gminnych, wojskowych, przemysłowych, handlowych i t. p oraz
PRZEPISYWANIE NA MASZYNIE.
**Wrzelkie podania Tylko 1 zł.**

# די ראדאמער יודישע סוחרים און זייער פעראיין.

אין דער אנדערער העלפט פון לויפענדען מאנאט מערץ טרעט צו די שאצונגס - קאמיסיע צום אויסמעסטען דעם אומזאץ - (אבראטיווע) שטייער פאר'ן פערגאנגענעם יאהר 1930.

עס איז קיין נייעס און עס איז איבעריג אומצוקעהרען זיך צו דעם אויסמעסטונגס-סיסטעם און זיינע פאלגען, וועלכע רופען זיך אזוי פאטאל אב אויף דעם קיום פון יודישען סוחר. עס איז אבער פארט א פראגע וואס טהוט דער כלל סוחרים אין אלגעמיין געגומען כדי זיינע בלוטיגסטע אינטערעסען, וועלכע העלען ביי נעכסטער אויסמעסטונג לאנסירט ווערען. אז די זעלבע זאלען געהעריג ביי דער קאמיסיע בעליכטען ווערען?

עס איז אויך א דבר ידוע, אז אין פערגאנגענעם 1930 יאהר האט די עקאנאמיש-וועלט-געשיכטע צו פערצייכענען א וויר:שאפטליכען קריזיס, וועלכער האט נישט זיין גלייכען, וואס צוליב דער כמעט פולשטענדיגער מאטעריעלער אבשוואכונג פון אגראריער, פראדוצענט—איז די קאסימציע פאראלעל געפאלען און גלייכצייטיג אויך צוליב געלד-מאנגעל און קרעדיט-בעגרענקונג איז עגטשטאנען א ריעזען פרייזען-בעססא אויף אלע געביעטען פון האנדעל. עס האט אלזא אין פערגאנגענעם יאהר נישט גאר נישט בעקענט זיין קיין אומזאץ-אוואנסירונג, ווי מען האט זיך שוין אזוי כסדר אויסגעלערענט און צוגעוואוינט יאהר-יעהרליך יעדען איינעם סוחר צו העכערען זיין אומזאץ — נאר גאנץ אנדערש, שוין צוליעב די אורזאכען, וועלכע איך ברענג דא אויבען, אז מען זאל נאר בלויז דעם אומזאץ ביי יעדען איינעם האלבירען, וועט עס נאך ווייט קיין גרויסער חסד נישט זיין...

פערשטענדליך קען אזא יוד, וועלכער איז מיטגליעד אין דער שאצונגס-קאמיסיע נישט זיין קיין ענציקלאפעדיע און אלצווייסער ער זאל קענען פעלזען-פעסט שטעהען און געגוי אויפפאסען, דעם אומזאץ, וואס די, אז ער אנדערע צווייג האט דעם פערגאנגענעם יאהר מיטגאסאכט, ובפרט אינדיווידועל געגוי קענען און וויסען צו זאגען איבער יעדען איינעם סוחר, וועלכען עס קומט אויס צו פערטיידיגען.

דער היגער סוחרים פעראיין בעמיהט זיך מיט אלע מעגליכקייטען דעם דאזיגען מאמענט נישט צו באגאטעליזירען. דער ראט אין פערוואלטונג, פון וועלכע נאר א גאנץ קליינע גרופע איז דער זאך שטענדיג טריי, אז נישט אימשטאנד די ארבייט דורכצופיהרען אהן דער הילף פון בראנזשעס, סעקציעס, וועלכע דארפען זיך צוזאמענקומען אין לאקאל פון פעראיין און צוזאמען מיט דער פערוואלטונג געגוי דורכשטודירען די אומזאץ-לאגע פון יעדער בראנזשע אין פערגאנגענעם יאהר און נאר דורך דער דאזיגער ארבייט, וועלכער עס ווילען זיך גערן איינינגע פערזאן איבערגעבען קען מען ווירקען גלייך אין דער ערשטער אינסטאנץ צו מעגליכסט מילדערע אויסמעסטונג.

צו דער דאזיגער ארבייט אין וועלכע יעדער איינער כוחר דארף זיין פעראינטערעסירט נעהמט זיך די פערוואלטונג גלייך נאכ'ן בעווייזען זיך פון מיין ארטיקעל.

די פעראיינס-פערוואלטונג בעשעפטיגט זיך אויך אינטענסיוו מיט דער שפאגעל-נייער „נאפט, זייף, הערינג-גזירה". וועלכער איז עלול נישט איין ספאזשיוועטשע - סוחר פון זיין פרנסה ארויסצושטויסען, דאס איז א זעהר ערנסטע פראגע און פאדערט א מאסען-צוזאמענקומען פון סוחרים אין אייגענעם לאקאל, וועלכער האט א דאנק דער בעמיהינג פון דער פערוואלטונג א זעהר שענעם אויסזעהן בעקומען. דער לאקאל איז רעמאנטירט, אויפגעפרישט. מיר טרעפען זיך אלזא פון היינט אן נאר אין סוחרים-פעראיין, ווייל אם לא עכשו אמתי.

**אברהם פינקעלשטיין**

Biuro Prośb i Podań
p. f. „PROLITEX"
RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA:
Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłomaczenie
i inne.

Redaguje Podania:
Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.

Windykacje należności w całej Polsce.
Informacje o zdolności kredytowej
Przepisywanie na maszynach.
Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.

## טאג-בוך
## פון א ראדאמער זעלבסטמערדער

### ווער האט מיך געראטעוועט פון דער עקזעקוציע?

ווען איך בין שוין געהאט צוגעקומען צו דער „בעריהמטער" „סטיענקע" און מ'האט שוין געהאט אונז 5 ארעסטאנטען אויסגעשטעלט און א רייהע, איינער אונטערן צווייטען. די טשעקיסטען, וואס האבען אונז געפיהרט אונטער א וואך, האבען שוין ארויבגענומען די ביקסען פון די אקסלען, און זיי אויסגעפרובט, צי זיי זענען ווי געהעריג אנגעלאדענט און מ'האט אונז געפרעגט, צו מיר ווילען האלטען די אויגען פערבונדען און נישט זעהן ווי מען דערשיסט אנדערע, אדער ווי מען הערט אליין דערשאסען — אין יענעם מאמענט איז געשעהן אזעלכעס וואס האט מיך שיער נישט משוגע געמאכט. שטעלט אייך פאר ה' רעדאקטאר און מיינע ליבע לעזער, אז טארג.קומען איז די איבערראשונג אין דער מינוט ווען פון עלע דאדאמער איז דער ערשטער צוגעשפרונגען צו דער „סטיענקא" אויסרופענדיג צו די טשעקיסטען בזה הלשון:

— טאוואזישטשעס! איך בעט אייך, שיסט מיך דעם ערשטען און אהן פערבונדענע אויגען, איך וויל מיט אייגענע אויגען זעהן מיין אייגענעם טויט און איך וויל נישט זעהן ווי מען ברענגט-אום אנדערע. אויב איהר וואלט מיר געגלויבט אויף א שבועה, דאן שווער איך אייך, אז איך בין דער גרעסטער פערברעכער פון די פינף צום טויט-פערמשפט'ע. און איבעריגענס איז דער אמייסט-אומשולדיגער דער ה' ש. — דערביי האט פינגער אנגעוויזען אויף מיר און אויסגעשריגען מיט א האלז פערשטיקט אין טרערען — ער איז גאר נישט שולדיג. איך, אך — האט ער זיך געקלאפט אין הארץ אריין ווי איי א האק — האב איהם געפיהרט צו דער תליה. איך, אין אויב איהר וועט איהם דערשיסען, וועל איך זיין דער מערדער. איך בעט אייך טייערע חברים טשעקיסטען, לאזט איהם לעבען כאטש נאך א פאר טעג און איהר וועט זיך דערוויסען פון זיין אומשולד. ה' ש. איז א ארענטליכער און זעהר איידעלער מאן. ער האט קיינעם נישט שלעכטס נישט געטוהן. זיינע חטאים זענען נאר די, וואס ער האט אין זיין לעבען בלויז גוטס געטוהן, מעהר נישט, איהר די היטער פון דער גערעכטיגקייט, וועט בעגעהן א גרויסע אומרעכט, אויב איהר וועט אים דערשיסען, האלט אייך אויף א מאמענט! —

די טשעקיסטען זענען געבליבען א ווייל פערגאפט. זיי האבען געווארפען שטויגענדע בליקען אויף פיניעלע און דורך דער צייט זיך איבער געקוקט איינער מיט דעם צווייטען, ווי זיי וואלטען געפרעגט: וואס רעדט ער אזעלכעס דער משוגענער. אבער ס'האט נישט לאנג גענומען אפשר רגע'ס און אפשר דאס אויך נישט. און אויפ'ן פעלד ארום דער עקזעקוציע-פלאץ זענען ווי פון דער ערד ארויסגעוואקסען א גאנצע מחנה מענטשען, וואס זענען

צוליב וואָס דער גנזלען האָט נישט בעזוכט די קורסען, וועלכע דארפען אויך בעשטעטיגט ווערען דורך דעם מאגיסטראט, אָדער צעכען. ספּעציעל שווער איז פאר די גנזלען צו בעקומען אזא צייגניש, וואו עס זענען געווען אוונד-קורסען. פאקטיש האָט דער גזעלען גאָרנישט צו ענטפערען דערויף און ווירקליך לויט די קאָרעספּאָנדענץ מיט דער וואָיעוואודזטווע לאָזט זיך גאָר נישט מאכען פאר די גזעלען סיידען אזעלכע מאָטיווען ווי צ. ב. דער גזעלען איז געווען געצוואונגען צו שטיצען די עלטערען. אָדער עס זענען אינגאנצען אין די געגענד קיין אָוונד-קורסען געווען.

מ'ין געדענקען מוזען אלע, אז האנדווערקער, וועלכע וועלען נישט בעקומען דעם מייסטער-דיפּלאָם און ווען אפילו זיי וועלען האָבען א האנדווערקארטע וועלען נישט טאָרען פעשעפטיגען קיין גזעלען און לערן-יונגלעך. און א גזעלען, אָדער לערן-יונגעל, וועלכער וועט זיך אויסשמוגלען א געוויסע צייט ביי א נישט דיפּלאָמירטען האנדווערקער וועט נישט צוגעלאָזען ווערען צו גזעלען-עקזאמען, קורץ, א האנדווערקער, וועלכע האָט א קארטע קאָן קיין מענשען נישט בעשעפטיגען און די ארבייט ביי א זעלכען וועט קיין נוצען נישט ברענגען דעם ארבייטער. זאָלען די האנדווערקער נאָך אויסנוצען דעם הנחה-טערמין אום צו בעקומען דעם מייסטער-דיפּלאָם. און זאָלען די עלטערען, וועלכע האָבען עפּעס א זאָרג וועגען דעם גורל פון זייערע קינדער, צווינגען די קינדער צו גיין אויף די קורסען און פעסטשטעלען, צי דער מייסטער ביי וועלכען זיי זענען בעשעפטיגט, איז א דיפּלאָמירטער.

**ש. סטראָוטשינסקי**

ראדאָם.

# פון געריכט.

פאַרגיגען דאָנערשטאָג איז פאָרגעקומען אין היגען שטאָדט-געריכט א פּראָצעס געגען א געוויסען נייהויז יצחק (וואָדנא 11), וועלכער האָט אין מאי פ. י. אין קאנצעלאריע פון היגען רב קעסטענבערג גענאַפּט זיך שלאָגען דעם זוהן פון הויז אייגענטימער פישמאן לייזער.

מצד דעם בעשולדיגטען איז ארויסגעטרעטען אלס פערטיידיגער דער אדוואָקאט דזשיטאָמירצקי. נאָכ'ן אויסהערען די עדות שוואַרצבערג און רובין, וועלכע האָבען בעשטעטיגט די בעשולדיגונג און נאָך דער ערקלערונג פון ה' פישמאן, וועלכער האָט אנגעוויזען, אז ער פערלאַנגט נישט קיין פיזישע שטראָף, נור א מאָראַלע סאַטיספאַקציע און ער האָט אפילו נישט דאַנגען, אז דאָס אויספיהרען דעם אורטייל זאָל ווערען אָבגעלעגט אויף עטליכע יאָהר — האָט דאָס געריכט ארויסגעטראָגען א אורטייל, לויט וועלכען נייהויז ווערט פערמשפּט אויף זיבען טעג ארעסט, אָבלייגענדיג די שטראָף אויף צוויי יאָהר.

# „עזרה“ שוין רעגיסטרירט 1000 פאמיליעס אויף פסח.

די רעגיסטראציע פון בעדערפטיגע און שטיצע אויף פסח ביי דער גזעלש. „עזרה“ קומט פאר אָהן איבעררייס. ביז זונטאָג איז שוין געווען רעגיסטרירט העכער 1000 פאמיליעס.




דאַנגען שוואכער פליסען איין די שפּענדונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט די צושיקטע בריף צו די היגע אידישע בירגער אין דער צאָהל בערך צו א 1000 מאן. ס'איז ווינשענסווערט, אז די היגע אידישע געזעלשאפט זאָל זיך מעהר אינטערעסירען מיט דער וויכטיגער הילפס אקציע.

אין די נאָהנטסטע טעג וועלען די פּערוו. מיטגלידער בעזוכען די אלע וועלכע האָבען נאָך ביז היינט נישט צוריקגעשיקט די שפּענדונגס קופּאָנען.

די שטאדט-גאזאווניע
— פערקויפט —
הורט און דעטייל
פרעפארירטע סמאָלע — קארבאָלינעאום
און קאָקס
צו בעדייטענד ביליגע פרייזען
— פיהרט אויס —
גאז-אינסטאלאציעס
וואננע אייוועלעך
קיכלעך צו קאָכען
אייוועלעך צו וואַרימען
— בעשטעלונגען נעמט-אן —
GAZOWNIA MIEJSKA
MŁODZIANÓW, Tel. 134 skrz. p. 28

# א מאמע אנטלויפט פון איהרע אייגענע קינדער.

צום רבי'ן ר' משה'לע איז געקומען דער יודישער איינוואוינער פון שידלאָווצע אלעזר טעער אין דערצעהלט, אז זיין ווייב איז פון איהם אנטלאָפען, איבערלאָזענדיג צוויי קליינע קינדער. איין קינד האָט קוים א האלב יאָהר און דאָס צווייטע דריי יאָהר. די קינדער זענען קראנק געוואָרען און זיי ליגען ביי איהר פאָטער. דער מאַן האָט זיך דעריבער געווענדעט צום רבי'ן ר' משה'לעס פאמיליע, ווייל זיין פרוי האָט אמאָהל דאָרט געוואָלט אָנקומען אויף א שטעלע אלס משרתת און ווירקליך האָט ער זיך דאָרט דערוויסט, אז זיין פרוי איז טאַקע דאָ געווען און געהאלט זיך פערדינגען אלס אנ'אם. זי האָט געזאָגט, אז דער מאַן איז ביי די זעלנער און די קינדער האָט זי איבערגעלאָזט ביי איהר פאָטער. די פאמיליע פון רבי'ן ר' משה'לע האָט זי נישט געוואָלט צונעמען און איז אוועקגעגאַנגען אנדערש.

עס ווערט דעריבער געבעטען, יעדער וואָס ווייסט פון דער פרוי, אָדער דער, וואָס האָט זי צוגענומען אויף א שטעל, זאָל וועגען דעם מודיע זיין דער פאמיליע פון רבי'ן.

דער מאַן איז אויך געווען ביי אונז אין רעדאקציע און געבעטען דאָס צו פערעפענטליכען. ער האָט איבערגעקלערט די סבה, פאר וואָס זיין פרוי איז פון איהם אנטלאָפען. צוליב א שכן, וועלכער האָט זיך מיט איהם א לענגערע צייט פראָצעסירט, איז ער שטאַרק פעראַרימט געוואָרען און די קריטישע לאגע זאָל דאָס זיין די אורזאַך, וואָס זיי האָבען זיך צוקריגט און דעריבער זאָל די פרוי האָבען פון איהם אנטלאָפען.

דער מאַן בעט די פרוי זי זאָל זיך אומקעהרען, אויב נישט צו איהם, זאָל זי עס טוהן צוליב די קליינע פיצלעך קינדער, וועלכע זענען קראנק און ס'איז נישטאָ, ווער ס'זאָל זיך מיט זיי אומגעהן.

די פרוי הייסט יוכבד וועטטער, נאָך אויפ'ן נאָמען פון איהרע עלטערען, ווייל ער האָט נאָך נישט מיט איהר קיין אקטען.

# א מיידעל א יתומה געווינען דעם קאמפלעט זילבער וואס „לינת הצדק“ האט אויסגעפלעט.

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט האט די מעדיצינישע הילפ'ס-געזעל-שאפט „לינת הצדק“ איינגעארדענט א לאטעריע אויף א זעלטען שעהנעם קאמפלעט זילבער. די בילעטען זענען אויספערקויפט געווארען בלויז דורך פערוואלטונג'ס-מיטגלידער, וועלכע האבען זעהר אינטענסיוו געארבייט און פערשפרייט דעם בילעטען - פערקויף צווישען די בעפעלקערונג.

פאריגען זונטאג 8 אווענד איז אין אייגענעם לאקאל פון „לינת הצדק“ רווינסקי 1 פארגעקומען די ציהונג, בעת וועלכער ס'זענען אנוועזענד גע-ווען די פערוואלטונג און פערבעטענע געסט. געצויגען די נומערן האבען צוויי קליינע קינדער און די גליקליכע געווינערין איז געווען דאס מיידעל רבקה זילבערבערג, א יתומה' פון וואהל 21.

דאס מיידעל האט געווינען אויפ'ן נומער 241, וואס איז פערקויפט געווא-רען דורכ'ן גליקליכען קאלעקטאר ה' רייך, א פערוואלטונג'ס-מיטגליד, וועל-כער האט פערקויפט בילעטען אין דעם ראיאן.

דורכ'ן דאזיגען זכה - בגורל - נומער האט אלזא דאס גליקליכע מיידעל גע-ווינען דעם קאמפלעט זילבער, וואס בעשטעהט פון פאלגענדע ווערטפולע חפצים: 6 זילבערנע מעסער, 6 זילבער-נע גאפלען, 6 זילבערנע לעפעל און 6 זילבערנע טהיי-לעפעלען. דאס מיי-דעל האט געשאנקען 10 זל. אויסקויף-געלד לטובת דער אינסטיטוציע.

דאס געווינס ווערט געשאצט אויף עטליכע הונדערט זלאטעס.

---

# ציוניסטישע פראקציע אין דער קהלה האט רעזיגנירט פון איהרע מאנדאטען

ווי מיר דערוויסען זיך האט די ציוניסטישע פראקציע אין דער קהלה פולשטענדיג רעזיגנירט פון איהרע מאנדאטען אלס פרנסים. די רעזיגנאציע שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט דער שטורמישער זיצונג פון קהלה ראט וואס איז פארגעקומען די פאריגע וואך זונ-טאג, אויף וועלכער ט איז בעטראכט געווארען ד'ער קהלה בודזשעט פון היינ-טיגען יאהר 1931.

---

# גמינע ענדליך אנגענו-מען דעם בודזשעט אויפ'ן יאהר 1931.

מיר האבען שוין פאר די לעזער איבערגעגעבען א אויספיהרליכען בע-ריכט פון די לעצטע בודזשעט-זיצונגען פון דער קהלה אין דער פאריגע וואך.

די פרטים פון דער צווייטער ראט-זיצונג האבען מיר צוליב מאנגעל אין פלאץ שוין נישט בעוויזען צו בעריכטען וואס מיר טוהען דאס איצטיגע מאהל.

די צווייטע דינסטאגדיגע זיצונג איז פארגעקומען, ווי מיר האבען שוין גע-שריבען. ביי דער אנוועזענהייט פון די אונפארטייאישע אין האנדווערקער פראקציעס. די אגודה, בנקט ווי זי אין נישט געקומען אויף דער ערשטער, איז זי אויך נישט געקומען אויף דער צווייטער זיצונג. די ציוניסטישע פראק-ציע נאכ'ן גרויסען שטורעם אין סקאנ-דאל, וואס זי האט געהאט אויסצו-שטעהן אויף דער ערשטער זיצונג, איז שוין דינסטאג גענצליך נישט געקומען. דער סטאראסטא - פארשטעהער האט זיך דעריבער טעלעפאניש פערשטענ-דיגט מיט'ן ה' סטאראסטא, וועלכער האט זיך ארויסגעזאגט, אז די ראט-זיצונג ביים אנוועזענדען צוזיפשטעל האט א רעכטפולע באזע און זי קען דעריבער פארקומען. דער ה' סטאראס-טא האט זיך דערביי פעררופען אויף געוויסע פונקטען פון די קהלה-פאר-שריפטען.

דער ראט פון ביידע פראקציעס האט אויפ'ן דאזיגען סמך פארגעזעצט די זיצונג און בעטראכט בפרטיות דעם היי-יעהריגען בודזשעט.

דער בודזשעט בצט-עפט ביי א סומע פון 475 טויזענד זל. דער „ראזקלאד“, ס'הייסט די עטאט-קלארקע איז אויס-געמאסטען געווארען אויף 140 טויזענד זל.

בעת בעטראכטען די פאזיציע פון נישט-פאראויסגעזעהענע אויסגאבען איז געווען א שטיקעל חלוקי-דעות וועגען דער גרויס פון דער סומע וויפיעל מ'זאל אריינשטעלען. דאזאר בנימין האכמאן האט ערקלערט, אז אין דער דאזיגער פאזיציע ברויך מען אריינ-שטעלען איניגע טויזענד זל. מעהר צוליב דעם, וואס שטעהט פאר כסדר'-דיגע פראצעסען מיט'ן געוועזענעם גמינע-סעקרעטאר רובינליכט, וועלכער מאהנט זיך פאר אנדערהאלבען יאהר אויפ'ן גרונד פון א קאנטראקט, וואס די געוו. גמינע האט איהם געגעבען פאר'ן אוועקגעהן. דערביי האט ה' האכמאן זיך אויסגעדריקט, אז דער זעלבער פעאטער האט ביי דער פרי-העריגער גמינע-ממשלה גענומען אזעלכע פענסיעס, וואס האס האבען אויסגעמאכט 30 פראצ. פון די בוד-זשעטען. ער האט נעמליך גענומען גרונד-פענסיע 700 זל. א חודש און פאר יעדער זיצונג ציגעקריגען 30 זל.

ביים בעטראכטען די פענסיע פון הרב קעסטענבערג, האט די האנדווער-קער-פראקציע זיך ארויסגעזאגט, אז זי איז מסכים אריינצושטעלען זיין פענ-סיע, און ביז די נייע וואהלען זאל דערווייל בלייבען די אלטע פענסיע, ד"ה 400 זל. א מאנאט. די פערוואל-טונג איז געווען פאר 1000, נאר נע-מענדיג אין אכט די איצטיגע קריטישע לאגע פערלאנגט זי מינימום 600 זל. א חודש, ביי דער אבשטימונג ווערט אנגענומען דורך דער מעהרהייט דער פארשלאג פון דער פערוואלטונג ביי דער אבהאלט פון דער האנדווערקער-פראקציע.

ביי די פרייע פארשלאגען האט זיך געמאלדען א ארבייטער - דעלעגאציע, וואס האט פערלאנגט צו געבען א ווארט איהרען א פארשטעהער. דער ראט קומט נאך זייער וואונש און ס'בעקומט א ווארט דער ארבייטער וועלוועל גוסבוים, וועלכער שילדערט די טרויריגע לאגע פון די יודישע ארבייטסלאזע און פאדערט - אויף די גמינע צו ארגאניזירען א געהעריגע פסח-אקציע.

ווי מיר הערען, איז די גמינע-פער-וואלטונג שוין צוגעטרעטען רעאליזי-רען די פסח-אקציע. זי האט זיך צו דעם צוועק געווענדעט צו דער באנק-פאלסקי און צו דער באנק גאספא-דארשי - קראיאווגא, וועלכע זיי'ען איהר האבען צוגעזאגט צומאכען הל-וואות צו 5000 זל. יעדער.

---


## לאקאמאביל

לאנץ 125 פערד קראפט פון 1925

אזוי גוט ווי נייע

## ביליג צו פערקויפען

Inż Kleniec, Warszawa, Sienna 45.



די פאפולערע און איבעראל - אנערקענטע

פאראווע פארבערייי און כעמישע פראלניא

## J. ZÜCHNERA

נעמט אן צו פארבען און צו פוצען אויף א כעמישען אופ'ן

מענער און דאמען - גארדעראבעס, ווי אויך גארניטורען קאסטיומען, פאלטענס, קליידער, בלוזקעס,

און אלערליי פוטערווארג.

דאס אלץ ווערט אויסגעפיהרט פינקטליך, סאליד און ביי צוגענגליכע פרייזען.

די פירמע י. ציכנער, בעזיצט א פיליע אויף זשעראמסקי 47 וואו עס ווערען אנגענומען אלערט בעשטעלונגען פאר דער דערמאנטער פארבערייי

——— און פראלניע. ———

J. ZÜCHNER, Radom,

Spacerowa 21

# יוסף גאָלדשיידער נ"ע

עס ווילט זיך ניט גלויבן, עפּעס אַ אומ-מעגליכעס איז דערין פערהאַן, אין די ווערטער יוסף גאָלדשיידער נישטאָ!

שווער אין די ערשטע מינוטען עס תופס צו זיין. איז דאָך דער נאָמען גאָלדשיידער געווען ביי אונז אין שטאָט ווי אַ סימבאָל פון געזעלשאַפטליכע אַקטיוויטעט, פון נוצליכע און וויכטיגע לייסטונגען. אַ גימנאַזיע, אַ פאָלקס-באַנק, האַנדווערקער-פעראיין, קהלה און נאָך און נאָך, וואו עס איז אומעטום געווען איינגעוועבט דער דאָזיגער נאָמען. יוסף גאָלדשיידער

פון זיין פריהצייטיגער יוגענד אָן אַ איבערגעגעבענער עסקן. תמיד געקלערט וועגן אַ נייער לייסטונג, וועגן אַ נייע אַרבייט לטובת קיעלץ, זיין קיעלץ, וועלכעס ער האָט ליעב געהאַט און נישט געקענט איינזיצן רוהיג מעבר לים. ביז ער האָט ווייטער נישט דערזעהן זיינע חברים. זיין געבורט'ס שטאָט דאַכט זיך, ערשט געוואָלט פאָרטזעצען מיט אַלע כחות, און פּלוצלינג,——

אַ שווערע, אומברחמנות'דיגע קראַנקהייט נעמט צו זיין גוף און פערקלאַמערט איהם אין איהר נעץ.

עס דערצעהלען זיינע נאָהענטע פריינד: ווי שווער איז איהם געווען אין בעט צו ליגען. וויפיל מאָראַלישע יסורים ער האָט געליטען, נישט האָבענדיג קיין מעגליכקייט זיין געזעלשאַפטליכע אַרבייט צו פיהרען. עס איז טראַגיש צו צוזעהען ווי אַזאַ מענש איז געפּענטעט!

פריינד און בעקאַנטע האָבען געהאָפט, אַז עס וועט דאָך אַ פערבעסערונג קומען און גאָלדשיידער וועט ווידער פערבלייבען דער זעלבער.

מיטוואָך 8 אָווענד, איז נאָך אַ לענגערע קראַנקהייט געשטאָרבען דער בעקאַנטער קיעלצער געזעלשאַפטליכער עסקן, פּרעזעס פון האַנדווערקער פעראיין ראַטמאַן און פּרנס יוסף גאָלדשיידער נ. ע.

די ידיעה האָט אַרויסגערופען אין שטאָדט אַ גרויסען טרויער. באַלד איז געשאַפען געוואָרען אַ לויה-קאָמיטעט מיט דירעקטאָר רייזמאַן און י. גוטמאַן בראש. די לויה איז פאָרגעקומען דאָנערשטאָג 3 נ. מ. ביי דער בעטייליגונג פון טויזענדער מענשען, צעהנדליגער דעלעגאַציעס.

---

## נ. ע. שבתי יוסף גאָלדשיידער

לאַנג-יעהריגער פּרעזעס פון ראַט פון דער פאָלקס-באַנק אין קעלץ איז נאָך לאַנגע און שווערע ליידען געשטאָרבען דעם 18-טען מערץ ה. י. אין עלטער פון 43 יאָהר.

אין פערשטאָרבענעם פערלירען מיר אַ איבערגעגעבענעם און טרייען חבר. עהרע זיין אָנדענקען!

ראַט און פערוואַלטונג פון דער יודישער פאָלק'ס-באַנק אין קעלץ.

---

אין טיעפען צער זענען מיר מודיע וועגען פריהצייטיגען טוידט פון אונזער חשוב'ען קאָלעגע, ראַטמאַן

## יוסף גאָלדשיידער

זיין איבערגעגעבענע געזעלשאַפטליכע אַרבייט וועט ביי אונז תמיד בלייבען אין זכרון!

יודישער ראַטמענער-קלוב אין קעלץ.

---

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פ א מ י ל י ע ג אָ ל ד ש יי ד ע ר צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער זוהן, מאַן און פאָטער

## שבתי יוסף נ. ע.

ראַט און פערוואַלטונג פון דער יודישער פאָלק'ס באַנק אין קעלץ.

---

טיעף ערשיטערט צוליב'ן טויט פון אונזער ליבען חבר און פּרעזעס

## שבתי יוסף גאָלדשיידער נ"ע

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דער פער'יתום'טער פאַמיליע.

יודישער האַנדווערקער-פעראיין אין קעלץ.

---

טיעף געריהרט פון טויט פון אונזער ליבען סטאַרשי, ח ב ר

## שבתי יוסף גאָלדשיידער נ"ע

דריקען מיר אויס אונזער צער און מיטגעפיהל דער פער יתום'טער פאַמיליע. אין פערשטאָרבענעם פערלירען מיר איינעם פון די איבערגעגעבענסטע קעמפער פאַר אונזער זאַך. כבוד זיין אָנדענקען!

פערוואַלטונג פון יודישען מאַלער און סטאָלער-צעך אין קעלץ

---

טיעף ערשיטערט צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער חבר און פיהרער

## שבתי יוסף גאָלדשיידער נ"ע

פעראייניגען מיר זיך מיט דעם טרויער פון דער גאַנצער יודישער האַנדווערקער-משפחה אין קעלצער וואָיעוואָדזטווע.

פערוואַלטונג פון יודישען שניידער, קירזשנער און היטעלמאַכער-צעך אין קעלץ

---

טיעף געטראָפען פון פריהצייטיגען טוידט פון אונזער ליעבער חבר און קעמפער

## שבתי יוסף גאָלדשיידער נ"ע

דריקען מיר אויס דער פאַמיליע אונזער טיעפסטען צער.

פערוואַלטונג פון יודישען שוסטער, גאַרבער און רימער-צעך אין קעלץ.

---

מיר דריקען אויס אונזער טיעפסטען צער צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון דעם טרייען און איבערגעגעבענעם האַנדווערקער-פיהרער

## שבתי יוסף גאָלדשיידער נ"ע

פערוואַלטונג פון יודישען האַנדווערקער-צעך אין ק י ע ל ץ.

---

מיר פעראייניגען זיך אין טרויער פון יודישער האַנדווערקער-משפחה צוליב טוידט פון אונזער ליבען פיהרער

## שבתי יוסף גאָלדשיידער נ"ע

פערוואַלטונג פון יודישען בלאַכער, שלאָסער און מעשענגיסער-צעך אין קעלץ.

---

גרויס איז אונזער טרויער צוליב'ן טוידט פון אונזער טייערען חבר און פיהרער

## שבתי יוסף גאָלדשיידער נ"ע

פערוואַלטונג פון בעקער און צוקערניקער צעך אין ק ע ל ץ.

---

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דער טרויערנדער פאַמיליע ג אָ ל ד ש יי ד ע ר צוליב'ן טוידט פון זייער געליבטען זוהן, מאַן און פאָטער

## י ו ס ף נ"ע

פריזירער און פאָטאָגראַפיסטען-צעך אין קעלץ.

---

אונזער מיטגעפיהל דער פאַמיליע ג אָ ל ד ש יי ד ע ר צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער ליבען זוהן, מאַן און פאָטער

## י ו ס ף נ"ע

פערוואַלטונג פון יובילערען און גראַווירער-צעך אין קעלץ

---

דער פער'יתום'טער פאַמיליע ג אָ ל ד ש יי ד ע ר אונזער טיפסטען מיטגעפיהל צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער הייס-געליבטען

## זוהן, מאַן און פאָטער. אייער צער—אונזער צער!

דאָס דירעקטאָריום פון יוד. האַנדווערקער פעראיין אין קעלץ

---

איינגעהילט אין טיפען טרויער שטעהען מיר פאַר'ן פרישען קבר פון אונזער לאַנגיעהריגען פּרעזעס פון ראַט פון דער פאָלקס-באַנק

## שבתי יוסף גאָלדשיידער נ"ע

אין פערשטאָרבענעם פערלירען מיר אַ טרייען און איבערגעגעבענעם פריינד

דער פער'יתום'טער פאַמיליע — אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

ביוראָ-פּערסאָנאַל פון דער פאָלקס-באַנק אין קעלץ.

# זאָל די יודישע בעפעלקערונג וויסען און משפט'ען

מיר א גרופע פעדער-סוחרים ווילען דאָ איבערגעבען א סקאַנדאַליעזען פאַקט וואָס בעמייזט בולט די אונערהערטע קאָנקורענץ און מיט וואָסערע מיטלען איין יוד איז פוקח פרנסה דעם צווייטען יוד.

מיט צוויי וואָכען צוריק האָט א קריסט ביי אונז בעשטעלט עטליכע הונדערט קילאָ פעדערען אויסגעדונגען דעם סאָרט מיט די פריין. מיר האָבען זיך דערביי געשטעלט דעם מינימאַלען פערדינסט. אָבער איידער מיר האָבען בעוויזען צוצושטעלען דאָס בעשטעלונג אויפ'ן אָרט האָט דער היגער פעדער-סוחר ר' שלום צוקערמאַן (וואָל 20) נאָכגעשיקט זיין פרוי מיט'ן זוהן מיט 90 קילאָ פעדערען מיט דער כונה אונז משיג גבול צו זיין. ווען אונזער מעקלער האָט זיך דערוויסט דערפון, האָט ער פשוט געבעטען ביי זיי רחמים נישט אויפצופרענגען יודיש געלד און געוואָלט קויפען ביי זיי די סחורה פאר יעדען פרייז. זיי האָבען אָבער נישט בעשטאַנען און פערקויפט דעם קריסט די פעדערען מיט ביליגער אויף 1 זל. 50 גר. א קילאָ.

ווען מיר האָבען געברענגט די פעדערען דעם קריסט, האָט ער זיך ענטזאָגט אָנצונעמען דאָס בעשטעלונג צוליב צוויי טעמים: 1) ווייל יענע האָבען פערקויפט ביליגער און 2) וואָס אונזערע פעדערן שפירט[מען] און דערביי האָט ער אריינגערופען די פרוי און דעם זוהן פון ה' צוקערמאַן און יענע האָבען דעם קריסט'ס ווערטער בעשטעטיגט. ס'האָט נישט געהאָלפען, וואָס אונזער שותפ'טע האָט זיך געבעטען ביי דער פרוי צוקערמאַן, אז זי זאָל זי נישט אזוי פיעל אומגליקליך מאַכען און זי מיט איהר זוהן האָבען געטוהן דאָס. ווייל זיי האָבען געוואָלט. דער סוף איז געווען, אז צוליב זיי האָבען מיר געמוזט היזק האָבען קרוב 800 זל.

מיר האָבען ר' שלום צוקערמאַן מיט זיין פרוי גערופען לדין שוין דריי מאָהל, אָבער זיי שלעפען אָב. אדרבא זאָלען אלע יודען זאָגען צו דאָס הייסט נישט קיין מסחר און דערצו א חלול השם.

לייביש ראָזענשטיין, משה ראַבינאָוויץ,
וועלוועל אייזענשטיין, מענדל בריקס.




זמן חירותנו.

אין די טעג פון אונזער גרויס'ן פסח הערשט אומעטום א שטאַרקע פרייד. מיט פערגניגען פערזאַמעלט זיך די גאַנצע פאַמיליע ביי די סדרים און מען לויבט בסדר יעם גוטען טעם און דעם פיינעם געשמאַק פון די מאכלים. די בעל-הבית'טע וויים אבער אז איהר שטאַרקען ערפאָלג מיט דער קאָך קונסט האָט זי הויפטזעכליך צו פערדאַנקען צערעס. צערעס דאָס 100% יטיגע ריינע פלאַנצען-פעטס איז גאַראַנטירט כשר לדג רפסח און אָהן דעם פעטס קאָן זיך קיין שום כשר'ע קיך נישט בעגעהן. עס פערפיינערט דעם געשמאַק און די נאַהרהאַפטיגקייט פון אלע מאכלים און זענען גלייך לייכט צום פערדייען פאר יונג און אַלט.




**צערעס**

איז א 100% יטיגע ריינער פלאַנצען-פעטס.


## מודעה

די וואַהל-קאָמיסיע פון דער יודישער קהלה אין ראַדאָם פאר'ן דורכפיהרען די וואַהלען צו דעם קהלה-ראַט מאַכט בעקאַנט די מיטגלידער פון דער קהלה לויט דעם § 23 פונ'ם וואַהל-רעגולאַמין פון 24-10 1930 י. (דז. אוס. פ. א. 75 פ. 592), אז די

# וועהלער רשימות

פון די וואַהל בערעכטיגטע צו די וואַהלען פון א נייעם קהלה-ראַט וועלען ווערען אדויסגעלייגט צום עפענטליכען דורכזעהן אין לאָקאַל פון דער קהלה-פערוואַלטונג לובלינער 9 פון 22 מערץ ביז דעם 30 מערץ ה. י. איינשליסליך פון א זייגער 8 ביז אזייגער 20 אחוץ שבת.

אין משך פון דער צייט קאָנען די וואַהל-בערעכטיגטע קהלה-מיטגלידער אריינטראָגען רעקלאַמאַציעס בנוגע פערזאָנען, וועלכע זענען אין דער רשימה נישט אריינגעשריבען אָדער אדורכגעלאָזט.

פערשפעטיגטע רעקלאַמאַציעס וועלען נישט בעריקזיכטיגט ווערען.

נאָר פערזאָנען, וועלכע זענען אין דער ליסטע אריינגעטראָגען קאָנען אנטייל נעמען אין די וואַהלען.

**די וואַהל-קאָמיסיע**

פאַר'ן דורכפיהרען די וואַהלען צו דעם קהלה-ראַט אין ראַדאָם.

ראַדאָם, דעם 17 מערץ 1931 י.

# אכטונג עלטערען!

צו איז אייך בעקאַנט, אַז כמעט א האַלב-יאָהר עקזיסטירט אין ראַדאָם

א 7-קלאַסיגע יודישע „שול-קולט" שולע

מיט רעגירונגס-רעכט וואָס איהר פראָגראַם ענטשפרעכט 4 קלאַסען גימנאַזיעס!

צו ווייסט איהר, אז די „שול-קולט" איז לויט איהר וועזען און כאַראַקטער די איינציגע נאַציאָנאַל-וועלטליכע יודישע שולע אין ראַדאָם!

די „שול-קולט" שולע, אין וועלכער עס ארבייטען רוטינירטע און קוואַליפיצירטע לעהרער-פעדאַגאָגען, האָט זיך געשטעלט אלס אויפגאַבע צו דערציהען א דור פון געבילדעטע יודען און גוטע בירגער.

יודאיק (תנ"ך, תלמוד, העברעאיש, יודישע געשיכטע) פערנעמט זעהר א ברייטען אָרט אין לערן-פראָגראַם פון דער שולע.

יודיש און העברעאיש ווערען זעהר ערנסט בעהאַנדעלט און שטעהען אויף א הויכער מדרגה. דער פראָגראַם פון די אַלגעמיינע למודים ענטשפרעכט ריכטיג 4 קלאַסען רעגירונגס גימנאַזיע.

עלטערן! געדענקט אָן דעם ריכטיגען דערציהונגס אנשטאַלט

„שול-קולט" אין ראַדאָם
(וויטאָלדא 7)





Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd. „Radomer Kelcer Leben" Radom Szwarlikowska 10.